# השלמה לפרשת כי תצא – כי תבוא תשפ"א לפ"ק

***יום שני פרשת כי תצא***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, שהתקיים בראלי האטעל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**כי** תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך, ושבית שביו (דברים כא-י). די מפרשים שטעלן זיך, אז דער 'ושבית שביו' איז איבריג אין פסוק, עס שטייט שוין שפעטער וראית בשביה אשת יפת תואר. עס שטייט פונעם **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו קא:), און אזוי אויך אין אנדערע הייליגע ספרים, אז עס איז א רמז אויף די מלחמה וואס יעדער יוד האט מיט זיין אייגענעם אויב, דער אויב הפנימי. כי תצא למלחמה על אויביך, ווען א מענטש גייט ארויס אויף די מלחמה, דארף ער וויסן אז ער האט סייעתא דשמיא, ונתנו ה' אלקיך בידך, דער אייבערשטער וועט איבערגעבן דעם אויב אין דיין האנט. אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו (קידושין ל:), אן דעם הילף פונעם אייבערשטען וואלט מען נישט געקענט בייקומען. עס איז דא א עזר אלקי, דער אייבערשטער העלפט יעדער יוד וואס וויל זיך מקרב זיין צום אייבערשטען, אז ער זאל קענען נאנט קומען.

**זאגט** דער חתם סופר, ושבית שביו, א מענטש זאל זיך אפלערנען פון די דרכי היצר הרע, און אויסנוצן דעם וועג אויף גוטס. די גמרא (שבת קה:) זאגט, אז דער יצר הרע קומט נישט צום מענטש תיכף, אז ער זאל עובר זיין א הארבע עבירה, ער ווייסט אז ער וועט נישט פאלגען. ער קומט נאר צוביסלעך, היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה, והולך ועובד. דער סדר פונעם יצר הרע איז, אז ער הייבט אן מיט א קלייניגקייט, קודם זאל ער עובר זיין אויף א מנהג, און נאכדעם אויף א דרבנן, נאכדעם אויף א קליינעם איסור, און נאכדעם אויף א גרויסן איסור, ביז ער פירט אראפ דעם מענטש פונעם ריכטיגען וועג. די גמרא (סוכה נב:) זאגט, אז דער יצר הרע איז בתחלתו אזוי ווי א הלך, שפעטער איז ער ווי א אורח, נאכדעם ווערט ער דער איש. קודם איז ער אזוי ווי א ארימאן וואס גייט נאר אדורך ביי יענעם אין שטוב, כדי קודם זאל ער זיך מיט אים באקענען, און ער באגריסט אים. נאכדעם בעהט ער אריינצוקומען אויף א סעודה צו עסן, אזוי ווי א אורח. ביז ער באזעצט זיך דארט אין שטוב, און ער ווערט א איש.

**די** זעלבע דארף זיך דער מענטש אראפלערנען אויף פארקערט אויך. מען קען נישט אנהייבן צו טוישן א וועג פון איין עק אויף די אנדערע עק. עס גייט נישט, ער וועט אדורכפאלען. ווען א מענטש וויל זיך מקרב זיין צו די קדושה, דארף ער אויך אנהייבן מיט קליינע טריטן. אנהייבן זיך אביסל צו פארבעסערן, וואס דאס קען דאך יעדער איינער, און נאכדעם נאך מער און נאך מער. פונקט ווי מען זעהט אז היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, אז מען הייבט אן מיט א קלייניגקייט, דאס איז דער וועג פונעם יצר הרע, און נאכדעם קומט ער אן ביז צו די הארבסטע. אזוי איז אויך אין קדושה, א מענטש דארף אנהייבן קודם מיט וואס עס איז גרינג פאר אים, עס קומט אים נישט אן אזוי שווער, דאס קען ער טון, ער קען עס מקבל זיין אויף זיך, און שפעטער צוביסלעך דארף ער שטייגען יעדן טאג אין קדושה.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, כי תצא למלחמה על אויביך, ווען דו גייסט ארויס אין א מלחמה אויף דיין פיינט, ושבית, זאלסטו אים פאנגען, שביו, אזוי ווי ער האט דיר געפאנגען. די זעלבע וועג ווי ער האט דיך געפאנגען, איז געווען אז ער האט אנגעהויבן מיט א קלייניגקייט, און אזוי איז ער צוגעקומען נאר מער. די זעלבע וועג דארף זיין ווען דו גייסט ארויס אויף א מלחמה, ושבית, דו זאלסט אים פאנגען, שביו, אזוי ווי ער האט דיך געפאנגען.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר ב-ה) ויקרא אלקים לאור יום, אלו מעשיהן של צדיקים, ולחושך קרא לילה (בראשית א-ה), אלו מעשיהן של רשעים. מעשיהן של רשעים ווערט אנגערופן חושך, און מעשיהן של צדיקים ווערט אנגערופן יום. וארח צדיקים כאור נוגה (משלי ד-יח), מעשיהן של צדיקים, דאס איז תורה אור, תורה ווערט אנגערופן ליכטיגקייט. און דרך רשעים כאפלה (שם), דער וועג פון די רשעים איז פינסטער. ער רופט אן אז תורה איז אור, און מעשה הרשעים איז ערב.

**ווען** עס ווערט נאכט, ווען עס טוישט זיך פון טאג צו נאכט, ווערט נישט נאכט פלוצלינג, עס גייט צוביסלעך. קודם ווערט אביסל טונקל, נאכדעם נאך מער טונקל, ביז עס ווערט אינגאנצן טונקל. דאס איז דער וועג פונעם יצר הרע. מעשיהן של רשעים איז ערב, ער הייבט אן מיט אביסל חושך, און עס ווערט אלץ מער פינסטער, און נאך מער פינסטער, און אזוי ווייטער. דאס זעלבע דארף זיין ביי אור, מעשיהן של צדיקים וואס איז אור. עס ווערט נישט טאג תיכף, עס הייבט זיך אן מיט אביסל לעכטיגקייט, הולך ואור עד נכון היום, עס נעמט א פאר שעה ביז עס קומט צו אז די ליכטיגקייט איז בתקפו. ווייל דער סדר פון עבודת ה' דארף צו זיין, אנהייבן צוביסלעך מיט וואס מען קען, און נאכדעם גייט מען אלץ העכער און העכער.

**ווען** א בר מצוה בחור איז מקבל אויף זיך עול תורה, קען מען נישט מקבל זיין עול תורה אויף די מינוט, אוועקצוווארפען אלעס וואס איז געווען, און מען ווארפט זיך אריין אין תורה. עס איז איבער די כוחות, אזוי איז מען נישט מצליח. אבער וואס מען דארף יא, וואס עס איז יא בידו, אנהייבן זיך צו פארבעסערן, ביי יעדע זאך אנהייבן ארויפצוגייען מיט א מדריגה. דאס דאווענען דארף אויסקוקן אנדערש פון יעצט אן, דאס אויפשטיין צופרי דארף זיין אנדערש, און דאס לערנען. ביי יעדע זאך דארף מען צוגעבן א חלק אין עבודת ה'. אזוי ווי בשעת מען פאלט, פאלט מען צוביסלעך, אזוי דארף צו זיין בשעת מען ווערט נתעלה.

*

***יום שלישי פרשת כי תצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, לרגל יומא דהילולא של **הגה"ק רבי יונתן שטייף זצ"ל** אב"ד דקהלתנו הק'. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** רבי יונתן איז געווען משיירי כנסת הגדולה, ער האט געקענט כל התורה כולה. אויף די צעטלעך וואס ער האט זיך אויפגעשריבן אנהייב יאר וואס ער גייט אלץ לערנען, איז דא כל המקצועות שבתורה. ער האט געמאכט א סדר לויטן טאג, חומש רש"י, נ"ך, תהלים, מדרש, ספרא, ספרי, בבלי, ירושלמי, שו"ע. ער האט נאר געדארפט איבער'חזר'ן וואס ער האט שוין געלערנט. לערנען לערנט מען נישט אזוי שנעל, אבער איבער'חזר'ן קען מען.

פאר איך בין געווארן רב אין ווין, בין איך געווען ביי **רבי הערשעלע ספינקער זצ"ל** נעמען א ברכה. האט ער מיר דעמאלטס געזאגט, אז ער פלעגט זיך אסאך צו דרייען ביי רבי יונתן אין שטוב. ער איז געבליבן אליין נאך די קריג, און ער איז געקומען קיין אמעריקא, און עס איז נישט געווען קיין ספרים צו באקומען, און רבי יונתן האט געהאט אסאך ספרים, און ער פלעגט אים אייביג צו זאגען, ווען דו דארפסט א ספר קענסטו אריינקומען צו מיר אין שטוב. און איך פלעג זיך אסאך צו דרייען דארט, ווען איך האב געדארפט עפעס נאכקוקען, בין איך אריינגעגאנגען אין שטוב.

רבי יונתן איז געזעסןביים טיש און געלערנט, און איך האט זיך אומגעקוקט אין די ספרים. - איך קען זאגען וואס ער האט געזאגט, איך קען נישט די ביאור דערפון. – איך האב אים געהערט קרעכצען בשעת'ן לערנען, און אזעלכע קרעכצען האב איך נישט געהערט נאר ביי מיין זיידען דער **חקל יצחק**. האב איך פארשטאנען, אז ער האט א חסידיש'קייט אין זיך. און איך האב אייביג געטראכט, אז דער פלאץ וועט נאך ווערן א חסידישער מקום. אז עס איז דא דארט אזא רב, וועט עס נאך ווערן א חסידישער מקום. האב איך הנאה, אז מען האט אייך אויפגענומען פאר רב.

**הרב יואל וואלפין** (ר"מ בישיבתנו הק'): דער רב האט אים געקענט?

**רבינו:** איך האב אים מן הסתם געזעהן, אבער נישט וואס איך געדענק.

רבי יונתן האט געדאווענט מנחה מעריב ביים **סטראפקובער רב**. רבי יונתן האט געוואוינט אויף היוז סטריט, צווישן ליע און מארסי, און סטראפקוב איז געווען א גאס אהינצו, אויף הופער סטריט. עס האט מיר פארציילט רבי אהרן פישער, ער האט געוואוינט אין בארא פארק, ער איז געווען א נייטרא תלמיד, אז **רבי מיכאל בער** פלעגט אלץ זאגען פאר די בחורים, אז טאמער מען וועט זיין אין שטאט, און מען דארף דאווענען, זאל מען דאווענען אין סטראפקוב. און אלע בחורים פון

נייטרא, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו זיין אין די שטאט, און מען האט געדארפט דאווענען, האבן זיי געדאווענטביים סטראפקובער רב. און עס פלעגט צו זיין א הפסקה צווישן מנחה און מעריב, צען פופצן מינוט. איז מען צוגעגאנגען צו רבי יונתן, אז ער זאל פארלערנען משניות צווישן מנחה און מעריב. האט רבי יונתן געזאגט, עס איז דא א רב, און איך קען נישט פארלערנען אן זיין רשות. אז מען וועט בעטן רשות, און ער וועט מסכים זיין, וועל איך פארלערנען. איז מען צוגעגאנגען צום סטראפקובער רב, און מען האט אים געזאגט, אז עס איז דא א הפסק צווישן מנחה און מעריב, און מען האט געטראכט אז רבי יונתן זאל פארלערנען משניות, צו ער האט עפעס דערקעגן. האט ער געזאגט, ניין, ער קען פארלערנען. עס איז אדורכגעגאנגען א פאר טעג, הפלא ופלא, רופט צו דער סטראפקובער רב דעם יוד וואס האט אים געפרעגט די שאלה, און ער זאגט אים, ער זאל זאגן פאר רבי יונתן, ער זאל אויפהערן פארצולערנען. איך האב געמיינט אז עס וועט מיך נישט אהרען, אבער עס אהרט מיך יא, זאל ער אויפהערן. - דאס אמת'דיגקייט וואס איז געלעגן אין אמאליגע יודען. איך האב געמיינט אז עס וועט מיך נישט אהרן, אבער עס אהרט מיך יא.

ווען **מיין טאטע ז"ל** איז געקומען קיין אמעריקא, האט ער אויך געדאווענט ביים סטראפקובער רב, ביז ער האט געהאט א בית המדרש. מיין טאטע ז"ל ווען ער פלעגט רעדן פונעם צדקות פונעם סטראפקובער רב, פון זיין אמת'דיגקייט, כפיו כן לבו, וואס ער האט אינזין געהאט אין הארץ האט ער געזאגט. פלעגט ער אייביג צו זאגען, אז ער פלעגט דאווענען ביים סטראפקובער רב יעדן שבת, פאר בערך א יאר צייט. שפעטער ווען ער האט געעפענט א בית המדרש, האט ער געדאווענט ביי זיך. און א יוד האט אים מכבד געווען צו זיין מוהל שבת ביים סטראפקובער רב אין בית המדרש. האט מיין טאטע ז"ל געדאווענט ביי זיך, און נאכן דאווענען, איז ער אריבערגעגאנגען אין בית המדרש צום ברית. נאכן ברית, מען זעצט זיך אראפ צו קידוש, דער סטראפקובער רב זיצט אויבן אן, און מיין טאטע ז"ל איז געזעסן אינדערזייט, רופט זיך אן דער סטראפקובער רב אזוי בפני כל עם ועדה, סאמבאטהעלער רב, איך וואלט אייך נישט מכבד געווען צו זיין מוהל דא אין בית המדרש. פרעגט אים מיין טאטע, מה פשעי ומה חטאתי. זאגט ער אים, אז איר האט א ברית ביי מיר, און איר קומט נישט אהער דאווענען, דארפט איר נישט זיין מוהל דא. - א אנדערער וואלט זיך באליידיגט, אבער מיין טאטע ז"ל האט ארויסגענומען דאס ערליכקייט פון אים, אז וואס ער האט אינזין געהאט, האט ער געזאגט. מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז זייט דעמאלטס ווען ער האט געהאט שבת א ברית ביי א אדם גדול, האט ער איבערגעלאזט זיין בית המדרש, און ער איז געגאנגען אהין דאווענען, ווייל ער האט געהערט פועם סטראפקובער רב, אז עס קען שטערן אז מען קומט נישט דאווענען. - מען וועט זיך אפלערנען אז עס קען שטערן, אבער דאס אז עס וועט זיין כפיו כן לבו, דאס וועט מען זיך נישט אפלערנען...

**הרב יואל וואלפין:** מיין זיידע און באבע האבן געדאווענט אין וויען, ביי רבי יונתן. ער האט מעורר געווען אז מען זאל נישט טראגען קיין צירונגען שבת. מען האט נישט געמאכט אזא תקנה ווייל מען קען נישט עומד זיין אין דעם, אבער ער ווייסט זיין עולם, ער קען זיי, אז אויב ער וועט גוזר זיין אז מען זאל נישט אנטון צירונגען אין שבת, וועט יעדער איינער עס מקיים זיין. מיין באבע האט עד סוף ימיה נישט אנגעטון קיין שום צירונג אין שבת.

**רבינו:** אלץ חשש טראגען אין שבת. ער האט חושש געווען אז עס איז א רשות הרבים דאורייתא. די היתר איז דאך נאר ווייל עס איז א כרמלית, עס איז נישט דא קיין רשות הרבים דאורייתא (עיין **שו"ע** או"ח סימן ש"ג סעיף י"ח). ער האט חושש געווען אז דא איז יא א רשות הרבים דאורייתא, האט ער נישט געלאזט טראגען תכשיטים, דלמא שלפא ומחוה, מען וועט קומען ווייזען. איך מיין אז ער האט געזאגט דעמאלטס, אז ווער עס וועט אים פאלגען, וועט האבן גוטע קינדער. עס איז געווען דעמאלטס די העס משפחה וואס האט געפאלגט, און אויסגעטון די דזשולערי אין שבת, און אלע זענען זיי תלמידי חכמים.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

* * *

***<u>יום חמישי פרשת כי תבוא</u>***

בשעות הערב הגיע הרה"ג **רבי מאיר גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ בק"ק פאפא (בן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א),

להזמין את **רבינו שליט"א** להשבע ברכות של בנו החתן נ"ו, עב"ג בת **הרה"ג רבי אפרים אהרן טייטלבוים שליט"א** ראה"כ צעהלים.

***וזה תוכן השיחה:***

**הרה"ג רבי מאיר:** איך האב געוואלט לאדענען צום שבע ברכות היינט נאכט.

**רבינו:** ביז וואן וועט זיין דער שבע ברכות. איך וועל זיין אין מאנסי היינט נאכט, וועגן דעם פרעג איך.

**א' מהנוכחים:** עס וועט זיין ביז שפעט.

**הרה"ג רבי מאיר:** אז מען טראכט אריין אין די היינטיגע רוישיגע וועלט, מען פארט אהער און מען פארט אהין, מען איז פארנומען פאר די הייליגע טעג, מען דארף זיך צוגרייטען.

**רבינו:** מען זאל נאר גיין אויף שמחות.

**הרה"ג רבי מאיר:** עס שטייט די וואך אין **ש"ך על התורה**, ער טייטשט איין די גאנצע תוכחה אויף ברכות. זאגט ער, והיית משוגע, מרוב שמחות היית כמו משוגע.

**רבינו:** דער **אור החיים הק'** די וואך (דברים כו-יא) שרייבט אויך, שאם היו בני אדם מרגישין במתיקות ועריבות טוב התורה היו משתגעים ומתלהטים אחריה, ולא יחשב בעיניהם מלא עולם כסף וזהב למאומה, כי התורה כוללת כל הטובות שבעולם. די תורה דאס איז כל הטוב, אלעס ליגט אין תורה.

**הרה"ג רבי מאיר:** איך האב אמאל געהערט, אז היינט איז דא אסאך יצר הרע'ס, וואס מען רופט עס עדיקשענ"ס. זה לעומת זה עשה אלקים, וואו איז דא אין קדושה עדיקשענ"ס? אז מען קען זיך נישט אוועקרייסן, ווייל מען איז אזוי אדוק אין די מצוה.

**רבינו:** אין די ראשונים שטייט, העוסק במצוה פטור מן המצוה (סוכה כה.), ווייל ער קען זיך נישט אוועקרייסן. ווען ער האלט ביי איין מצוה קען ער זיך נישט אוועקרייסן און עוסק זיין אפילו אין א צווייטע מצוה, נישט נאר צו גשמיות. ווען מען טוט א מצוה, דארף מען ליגן אין די מצוה, מען קען נישט יעצט טון א אנדערע מצוה.

**הרה"ג רבי מאיר:** ביי א שמחה זאגט מען אויך (מועד קטן ח:), אין מערבין שמחה בשמחה, מען איז אדוק אין די שמחה.

**רבינו:** עס וועט פעלן פון די שמחה.

**ובירכו רבינו:** עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, און זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער.

**וכיבדו רבינו בספר שמן ראש, ונפרדו בשלום**